# 47th ANNIVERSARY JUBILEE JOURNAL

# נאָוואָסעליצער פּראָגרעסיוו

## בּרענטש 498 אַרבעטער רינג

•

שבת, דעם 22טן אָקטאָבער 1960

47 יאָריקער יובּילײ



## NOVOSELITZER PROG. BESS.

## Branch 498 W. C.

•

**SATURDAY EVE., OCTOBER 22 1960.**

**Atran House, 25 East 78th St.** **NEW YORK CITY**

oeiu-153

# 1960 נאָװאָסעליצער בעסעראַביער 1913

# פּראָגרעסיװ ברענטש 498 אַרבייטער רינג

אַרויסגעגעבן צום 47 יאָריקן יובילײאום פײערונג

◇

**ברענטש באאמטע**

דוד פאלישאַק, פינאנס סעקרעטאר — מאקס יאסלאװיץ, פראָטאָקאָל סעקרעטאר
הערי נאדעלמאַן, קעשיר — דזשעק בארבאך, האָספּיטאַלער

**יובילײאום עקזעקוטיװ אראנדזשמענט קאָמיטע**

װיליאם טאַרײנסקי, יובילײאום טשערמאַן — דעיװ בירענבוים, עקזעק. טשערמאַן
דוד פאלישאַק, יובילײאום סעקרעטאר — מאקס יאסלאַװיץ יובילײ פּראָט. סעק.
הערי נאדעלמאן, יובילײאום קאַסירער

יוסף קאַרנפעלד — לואיס ספּילמאַן
לואיס דיקער — דעיװ גראָסער
דזשעק בארבאך — מאקס לעזען

מאַלי טאַרײנסקי — סערא יאסלאַװיץ — אײדע סאָקאָל

**זשורנאַל קאָמיטע**

יוסף קאַרנפעלד — הערי נאַדעלמאַן — דוד פאלישאַק

◇

שבת, דעם 22־טן אָקטאָבער, 1960

אין

אַטראַן הויז ־ 25 איסט 78־טע גאַס ־ ניו יאָרק

# אַ וואָרט פון דער רעדאַקציע...

טייערע פריינד:

עס איז אונזער חוב צו אייך, מיטגלידער, אז מיר זאלן געבן א דערקלערונג וועגן דעם זשורנאל, וואס מיר האבן ארויסגעגעבן לכבוד אונזער היינטיקן יום-טוב.

מיר ווייסן, אז איר מיטגלידער פון ברענטש זענט געוואוינט צו גרעסערע און שענערע זשורנאלן. מיר ווילן אז איר זאלט דאָס נעמען אין אנבאטראכט - די אומשטענדן אונטער וועלכע די אויסגאבע ווערט יעצט ארויסגעגעבן.

אונזערע מיטגלידער זיינען פאר דער לעצטער צייט ביט באשעפטיקט. איניקע מיטגלידער האבן זיך צוריקגעצויגן פון זייער באשעפטיקונג. און דורך אנדערע אומשטענדן - ווען עס איז אויפגענומען געווארן די פראגע וועגן ארויסגעבן א זשורנאל, האבן מיר זיך פשוט געשראָקן צי וועלן זיין גענוג כוחות צו שאפן די מיטלען וואס זיינען נייטיק פאר אזא אונטערנעמונג. אלס רעזולטאט ברענגען מיר אייך די אויסגאבע - אמת, אביסל אין אן איינגעשרומפענער פארם, דאך א זכר לדורות - זאל דער צוקונפטיקער היסטאריקער קענען אריינקוקן כאטש אין אן איינגעשרומפענע אויסגאבע.

מיר האפן אז עפעס וועט דער זשורנאל דאָך קענען פארצייכענען, אונזער ארבעט פון דעם טאג וואס מיר האבן זיך אינסטאלירט אלס בר. ביז אונזער 47-יאריקן יובילייאום.

מיר פילן אז אונטער די אומשטענדן האבן מיר געטאן אלעס וואס עס איז נאר מעגלעך געווען ארויסצוגעבן דעם זשורנאל.

לאמיר אלע זיין געזונט און זיך טרעפן צו אונזערע ווייטערדיקע יובילייאומס.

זייט הארציק געגריסט און לאמיר זיך פרייען מיט אונזער היינטיקער שמחה און אונזער וואונטש איז גיך צו פייערן די מפלה פון אונזערע שונאים.

1960 1913

# ב א ג ר י ס ו נ ג

## פון דער יובילייאום-עקזעקוטיוו-אראנדזשמענטס קאָמיטע

טייערע פריינט:

מיר, די יובילייאום אראנדזשמענטס קאָמיטע דריקן אויס אונזער הארציקן דאנק פאר דעם כבוד וואס עס איז אונז איבערגעגעבן געווארן דורכצופירן אונזער 47-יאריקן יובילייאום.

מיר האבן געטאן אלעס, אז אונזער יובילייאום פייערונג זאָל דורכגעפירט ווערן אזוי ווי עס פאסט פאר אונזער בר. 498 א.ר. מען קען זיך פארשטעלן די שווערע ארבעט וואס עס איז געווען דאס צוצוגרייטן. ווען מיר ציען אונטער דעם סך הכל פון אונזער ארבעט פון די אלע יארן וואס אונזער ברענטש עקזיסטירט, זעען מיר דאס אונזער בר. איז אוועקגעשטעלט געווארן אויף א געזונטן פונדאמענט, מיט פארשידענע פאנדן פאר דעם בענעפיט פון אלע מעמבערס. און בלויז מיט אנטשלאסנקייט און איבערגעבנהייט האבן מיר דאס געקענט דערגרייכן. איר, מיטגלידער פון אונזער ברענטש, דארפט מיט א באזונדערן שטאלץ זיך פרייען ביי דעם היינטיקן יום-טוב.

מיט די דערגרייכונגען מיט וועלכער יעדע אָרגאניזאציע מעג שטאלצירן. אונזערע פירער און טוער האלטן אז מיט זייער טעטיקייט טוען זיי קיינעם ניט קיין טובה. זיי זיינען טעטיק ווייל זיי האבן א טיפן גלויבן אין בויען אונזער ברענטש, ווייל זיי זיינען א טייל פון אונזער גרויסן ארבעטער רינג.

מיר שיקן אונזער הארציקע באגריסונג צו אלע מיטגלידער און פריינט און מיר ווינטשן זיי נאך צוזאמען פייערן א סך יובילייאומס און מיט נאך מער איבערגעבנהייט פארזעצן אונזער ארבעט פאר אונזער ברענטש, און אויך פאר דעם ארב. רינג.

זייט אלע געגריסט צו אונזער היינטיקן יום-טוב.

1913

1960

# 47 יאָר געשיכטע

פון נאַוואָסעליצער בעסאראביער ברענטש 498 ארבעטער רינג

צוזאמענגעשטעלט פון <u>דוד פּאָלישאַק</u> און <u>יוסף קאָרינפעלד</u>

שוין דאָס דריטע מאָל אז עס איז
אונז צוגעטיילט געוואָרן דעם כבוד
צו שרייבן די געשיכטע פון אונז-
ער בר. 498, א.ר., און מיר זיי-
נען באמת גליקלעך דאָס דורכפירן.

די געשיכטע וואָס מיר שרייבן יעצט
איז נאָך ניט פארענדיקט. עס וועלן
קומען נאָך פאָרזעצונגען און במילא
אויך נייע שרייבער און מיר זיינען
זיכער, אז די צוקונפטיקע שרייבער
וועלן שרייבן א מער פארבענרייכע גע-
שיכטע פון אונזער ברענטש.

גרויסע שוועריקייטן האָבן מיר בא-
געגנט ביים צוזאמענקלייבן די מאטע-
ריאלן פאר דער געשיכטע וואָס מיר
שרייבן, ווייל א סך פון אונזערע
פּראָטאָקאָלן זיינען פארלוירן געגאנ-
גען און מיט דעם ביסל וואָס מיר
האָבן צוזאמענגעקליבן באנוצן מיר
זיך.

מיר האָפן אז מער וויניגער האָט
זיך אונז איינגעגעבן עטוואָס צוזא-
מענצושטעלן:

אין 1909 האָט זיך צוזאמענגעקליבן
א גרופּע נאָרוואָס אריבערגעקומען פון
נאָוואָסעליץ, וועלכע זיינען געווען די
ערשטע צו פארלאָזן זייער היים און
קומען אין דעם נייעם לאנד, ניו
יאָרק. דאָס פרייע לעבן האָט זיי ניט
צופרידנגעשטעלט. זיי האָבן איינגע-
זען אז עס דארף געשאפן ווערן א
פלאץ וואו עס זאָל זיין א מעגלעכקייט
זיך צוזאמענקומען פאר די לאנדס-
לייט פון נאָוואָסעליץ.

אין א שבת נאכט, 1911 האָט טשארלי
פרענק פאררופן צו זיך אין הויז
אין 390 איסט 10-טע סטריט, נ.י.
א גרופּע פריינט, און ביי יענער צו-
זאמענקונפט איז געלייגט געוואָרן דער
ערשטער ווינקלשטיין פאר א יוגענד
ארגאניזאציע אונטער דעם נאָמ[illegible]

נאָוואָסעליצער יאָנג מענס און
יאָנג ליידיס סאָסייעטי. און עס
איז גלייך פאררופן געוואָרן א מאס
מיטינג, וואו עס איז איבערגעגעבן
געוואָרן דער באשלוס פון דער בא-
טרעפנדער גרופּע. און ווי וויכטיק
עס איז ניט נאָר פאר די וואָס זיי-
נען שוין דאָ, נאָר וויכטיקער איז
די סאָסייעטי פאר די ניי-אריבערגע-
קומענע אויף צו קענען זיך דאָ
צוזאמענטרעפן און פארברענגען
צוזאמען.

די רעקאָמענדאציע איז אויפגענומען
געוואָרן מיט דער גרעסטער באגייס-
טערונג און עס איז געגרינדעט גע-
וואָרן די סאָסייעטי אונטער דעם נאָ-
מען -נאָוואָסעליצער יאָנג מענס און
יאָנג ליידיס סאָסייעטי. עס האָבן
זיך גלייך פארשריבן 27 מעמבערס.
די צאָלונגען זיינען געווען 10 סענט
א וואָך. די אָרגאניזאציע איז געוואָק-
סן פון מיטינג צו מיטינג. עס זיי-
נען איינגעפירט געוואָרן פארשידענע
טעטיקייטן — זיי זיינען באשטאנען
פון לעקציעס, קאָנצערטן, ליטערא-
רישע אָוונטן, בעלער, דיסקוסיעס או[illegible]
אזוי ווייטער.

אָפּארבעטנדיק א שטיקל צייט אלעס
סאָסייעטי, האָט עס די גרינדער ניט
צופרידנגעשטעלט. זיי האָבן אויך
געוואָלט זיין פארבונדן מיט אנדערע
אָרגאניזאציעס און די מיטגלידער
זאָלן זיין פארזיכערט מיט געוויסע
בענעפיטן. האָבן די פאָלגענדע
פריינד: העריי פאפירהאָלץ, מוני
לעכטמאן, יודל קאצמאן, וועלכע זיי-
נען שוין געווען מיטגלידער פון
ארבעטער רינג, אגיטירט אז מיר
זאָלן זיך אָנשליסן אלס ברענטש פון
ארבעטער רינג, ווייל דער ארבעטער
רינג איז א טייל פון דער ארבעטער
באוועגונג. אין זייערע פרינציפן
[illegible]

## געשיכטע -ב

אויב א מיטגליד שליסט זיך אָן אין
ארבעטער רינג, מוז ער ווערן א
יוניאָן מאן. ער מוז באלאנגען
אין זיין טרייד אין דער יוניאָן. ער
טאָר ניט סקעבן, און ער דארף אויך
שטימען א סאָציאליסטישן טיקעט.

אויך ווען מיר ווען זיך אָנשליסן
אלס א ברענטש וועלן די מיטגלידער
אויך זיין פארזיכערט מיט פארשי-
דענע בענעפיטן, און אויך ווערן א
טייל פון דער ארבעטער באוועגונג.

אין יוני 1913 זיינען מיר איינסטאַ-
לירט געוואָרן אלס א ברענטש פון
א.ר. אונטער דעם נאָמען: נאָוואָ-
סעליצער בעסאראביער פּראָגרעסיוו
ברענטש 498 ארבעטער רינג.
און די פאָלגענדע פריינד זיינען
געוואָרן די ערשטע באאמטע פון בר:

דזשאָ קאצמאן - פינאנס סעקרעטאר;
דוד פאלישאָק, פּראָטאָקאָל סעקרעטאר;
מוני לעכטמאן, קאסירער.

זייענדיק אלס א ברענטש פון אר.
רינג, האָבן מיר ערשט געהאט די
מעגלעכקייט אָנצופירן אונזערע טע-
טיקייטן אף פארשידענע געביטן און
אויך א פארזיכערונג מיט די אלע
בענעפיטן וואָס דער ארבעטער רינג
האָט געצאָלט אין פאל פון קראנק-
הייט. אָט די אלע בענעפיטן האָבן
געמאכט מעגלעך אז דער ברענטש
זאָל פארגרעסערט ווערן און די
מיטגלידער קאמפאניעס וואָס דער
ברענטש האָט אָנגעפירט, האָט גע-
בראכט די געווינטשטע רעזולטאטן.

ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אין יע-
נער צייט האָט שוין עקזיסטירט דער
ערשטער נאָוואָסעליצער פאריין, וועלכער
איז דאן געווען און איז אויך איצט
געבליבן אין זיינע ראמען פון בע-
נעפיטס און סעמעטערי און אויך
דער בליק אויף דעם אלגעמיינעם
לעבן פון דער אָרגאניזאציע איז
געבליבן דאָס זעלבע פון דעם ער-
שטן טאָג פון זייער אָרגאניזירונג.
מיר, אלס א ברענטש פון ארבעטער
רינג, האָבן זיך באטייליגט אין אלע
אונטערנעמונגען, וואָס דער ארבעטער
רינג האָט אָנגעפירט.

מיר האָבן באשטראָפט סטרייקברעכער,
געפאָדערט פון יעדן מיטגליד אז ער
זאָל באלאנגען צו דער יוניאָן פון
זיין טרייד. מיר האָבן גוטגעמאכט
זייערע צאָלונגען אין צייט פון א
סטרייק.

מיר האָבן געהאָלפן מיטגלידער פינ-
אנציעל אין צייט פון א קראנקהייט,
אויף זייערע בארעכטיקטע בענעפיטן
און אזוי זיינען מיר אָנגעגאנגען
מיט אונזער ארבעט ביז דער שפאל-
טונג אין דער ארבעטער באוועגונג
און אויך אין ארבעטער רינג.

אונזער ברענטש איז אויך ניט אויס-
געלאָזט געוואָרן און א טייל פון יענע
אקטיווע מיטגלידער זיינען מיטגעריסן
געוואָרן מיט דעם פארניכטונג שטראָם.

מיטגלידער זיינען פארטריבן געוואָרן
פון די מיטינגען און זיי האָבן אויס-
געליידיקט די קאסע, אָפּגעשאפט אלע
פאָנדן וואָס דער ברענטש האָט געהאט
און די ארבעט וואָס איז אריינגעלייגט
געוואָרן אין די אלע יאָרן איז גע-
גאנגען צו גרונד. ווען זייער פארניכ-
טונג ארבעט איז געווען פארענדיקט,
איז אין א שיינעם פרימאָרגן האָבן
זיי איינגאנצן פארלאָזט דעם ברענטש
צעבראָכן, פארניכטעט דעם צוטרויען
און פריינדשאפט פון איינעם צום 2טן.

אָבער א דאנק איניקע מיטגלידער
האָבן מיר היינט צו טאָג א ברענטש
וועלכן מיר פייערן דעם 47-טן יאָריק
יובילייאום.

ווען מיר שרייבן די געשיכטע פון
ברענטש פארשרייבן מיר דעם נאָמען פון
דזשאָ קאצמאן, ווייל ער איז געווען דער
יעניגער וואָס האָט צוזאמענגעקליבן
אלע שטיקלעך און ברעקלעך און מיט
זיין אָנשטרענגונג האָט ער באוויזן צו-
ריק צו רעאָרגאניזירן דעם ברענטש,
[illegible]

איינעם צום צווייטן און מיט נאָך מער איבערגעבנקייט געארבעט פאר דעם ברענטש. און די ארבעט איז ניט געווען קיין איבעריקע און א דאנק דער ארבעט איז היינט צו טאָג אוּזער ברענטש איינער מיט וועלכער מיר מעגן שטאָלצירן.

וועגן דער הילף, וואָס מיר האָבן געהאָלפן אונזערע מיטגלידער איז א קאָלאָסאלע, און ווען מיר האָבן באדארפט העלפן א מיטגליד האָבן מיר זיך ניט אָפגעשטעלט פאר קיין זאך און געהאָלפן ביז דער מיטגליד איז פאָלקאָם געזונט געוואָרן און ער האָט געקענט צוריקקומען צו זיין באשעפטיקונג.

ווען די 2-טע וועלט מלחמה איז געווען פארענדיקט, האָבן מיר זיך ערשט דערוואוסט דעם שיקזאל פון אונזערע נאָוואָסעליצער לאנדסלייט – וועגן זייערע שרעקלעכע איבערלעבונגען און פון די שרעקלעכע פייניגונגען, צוערשט פון די רומעניער און נאכער פון די נאצים, און ווי זיי זיינען געבליבן נאקעט און באָרוועס און זייער געזונט צושטאנד צובראָכן און צוזייט און צעשפרייט, און די בריוו וואָס זיינען אָנגעקומען איז געווען איינער שרעקלעכער פון אנדערן. אין יענער צייט איז אָרגאניזירט געוואָרן דער פאראייניקטער נאָוואָסעליצער רעליעף, וואָס איז באשטאנען פון די פאָלגענדע אָרגאניזאציעס:

ערשטער נאָוואָסעליצער פאראיין, אינדעפענדענט נאָוואָסעליצער, דער ליידיס פארבאנד און אויך דער ברענטש. עס איז געזאמלט געוואָרן גרויסע סומען אויף צו העלפן יעדן איינעם, וואו ער זאָל ניט זיין. אזוי שנעל ווי מיר האָבן געקראָגן אן אדרעס, איז ארויסגעשיקט געוואָרן הילף אין וואָס פאר א פאָרם עס איז נאָר געווען מעגלעך.

אין די ערשטע 3 יאָר נאָך דער מלחמה איז די הילף געווען חי פאָלגט: אין קעש - $10,643.00, פעקלעך שפייז די ווערט פון - $7382.07; מעדיצין-$3211.18; פעקלעך קליידער - $1206.40 פאר דער סומע פון $22442.65. די אלע סומעס וואָס מיר גיבן אָן האָט אונדז פריינט פאלישאָק איבערגעגעבן, ווייל ער איז אין יענער צייט געווען סעקרעטאר פון דעם פאראייניקטן נאָוואָסעליצער רעליף קאָמיטעט.

און אויך באטיילקן מיר זיך אין אונזער היים וואָס דער א.ר. האָט אויפגעבויט. מיר האָבן געשטיצט פינאנציעל אויף וויפיל עס איז נאָר געווען די מעגלעכקייט.

מיר האָבן היינט צו טאָג אונזערע א מעמבערן פון בר. אלס אן איינוואוינערין אין אונזער היים. אויך האָבן מיר געזען אלע מיטגלידער פון אונזער ברענטש זאָלן ווערן יערלעכע מיטגלידער פון אונזער היים מיט א ביישטייערונג. און א גרויסע צאָל מיטגלידער פון ברענטש האָבן זיך אָנגעשלאָסן.

דער ברענטש שטיצט אלעמען ווער עס ווענדט זיך צו אים און מיר שטיצן די אלע אָרגאניזאציעס נאָך די מעגלעכקייטן. אונטערציענדיק דעם סך הכל פון אונזערע 47 יאָר ארבעט, זיינען מיר שטאָלץ מיט דער ארבעט, וואָס עס איז געטאָן געוואָרן ביז איצט. און מיט מער איבערגעבנהייט וועלן מיר ווייטער פאָרזעצן אונזער ארבעט פאר דעם ברענטש און אויך פאר דעם ארבעטער רינג.

מיר באגריסן אייך פריינד און פריינדינעס צו אונזער אלעמענס יום טוב. די פארגאנגענהייט איז געווען א שיינע און מיר ווינטשן און האָפן אז די צוקונפט זאָל זיין נאָך שענער.

זייט אלע געגריסט!

# באַגריסונג פון ווילי׳אַם טאַרייִנסקי

## טשערמאַן פון דער יובילייאום אראנדזשמענטס קאָם.

טייערע פריינט:

עס איז ניט גייטיק צו שילדערן פאר אייך די שווערע ארבעט, וואס איז פארבונדן מיט דער צוגרייטונג פון אונזער 47-יאריקן יובילייאום פון אונזער ברענטש.

מיר האבן אין פארלויף פון די יארן דורכגעפירט פאר-שידענע יובילייאומס. מיר, די גאנצע אראנדזשמענטס קאָמיטע איז געווען פאראינטערעסירט, דאס דער גרויסער יום-טוב זאל זיך אונטערשידן פון די פריערדיקע יום-טובים, וואס מיר האבן דורכגעפירט.

מיר, די יובילייאום קאָמיטע זיינען צוגעטראָטן צו דער צוגרייטונג מיט דער נייטיקער ערנסטקייט און איבערגעבנהייט. און יעדער איינער פון דער אראנדזשמענטס קאָמיטע, האט זיך אָנגעשטרענגט צו זען אז אונזער 47-טער יובילייאום זאל זיין צוגעגרייט אויף דעם בעסטן און שענסטן אופן, אז איר פריינט, זאלט געניסן דעם פולן פארגעניגן פון אונזער פייערונג.

יעצט, ווען אונזער ארבעט פון דער ארגאנזשירונג איז פארענדיקט, ווילן מיר זיך טיילן מיט אייך, טייערע פריינט, מיט אונזערע געפילן און איבערלעבונגען אין דעם פריילעכן מאמענט.

אין נאמען פון דער יובילייאום אראנדזשמענטס קאָמיטע, דריק איך אויס אונזער הארציקן דאנק צו אייך, פריינט, פאר דעם כבוד וואס איר האט אונז צוגעטיילט, וואס איר האט אונז איבערגעגעבן צוצוגרייטן אונזער 47-טן יובילייאום.

מיר האפן, דאס די צוגרייטונג וועט זיין צו דער צו-פרידנהייט פון אלע אונזערע מיטגלידער און פריינט.

איך באגריס אייך הארציק, טייערע פריינט, און איך האף און ווינטש אז מיר זאלן נאך פייערן א סך יובילייאומס און לאמיר האפן אז אין די אלע פייערונגען וועט איר אלע אנטייל נעמען און לאמיר ווייטער מיט פאראייניקטע כוחות פארזעצן אונזער ארבעט פאר אונזער ליבן ברענטש און אויך פאר דעם ארבעטער רינג!

זייט אלע געגריסט!

1960 1913

## באַגריסונג פון ד. פּאַלישאַק

### פינאנס סעקרעטאר

טייערע פריינט:

מיר קומען זיך היינט צוזאמען אָפּצושליסן א קאפיטל פון נאך
10 יאר אקטיוויטעטן – און אריינשרייבן א נייע בלעטל אין דער גע-
שיכטע פון אונזער ברענטש.

ווען מען רעדט אין געשיכטלעכע טערמינען איז די צאל 47 יאר
וואס אונזער ברענטש עקזיסטירט, בלויז א קורצער שפאן. דער היינ-
טיקער יום-טוב דערוועקט אין מיר א היליקייט, דאָס איז זיכער ניט
וואס מיר פייערן אזא גרויסן יום-טוב, ווי 47 יאר ברענטש 498,
נאר פשוט דערפאר וואס עס דערוועקט אין מיר זכרונות פון די אי-
בערגעלאפענע 47 יאָר.

ווען איך מאך דעם סך הכל פון די 47 יאר ארבעט וואס עס איז
אָפּגעטאן געווארן, וואס עס איז געווען מעגלעך אונטער די אום-
שטענדן, בין איך שטאלץ מיט דעם וואס עס איז דערגרייכט געווארן.
מיר קומען צום היינטיקן יום-טוב מיט דערגרייכונגען, מיט וואס
יעדע ארגאניזאציע מעג שטאלצירן, ווייל אונזערע פירער און טוער
האלטן, אז מיט זייער טעטיקייט אין ברענטש, טוען זיי קיינעם ניט
קיין טובה, זיי זיינען טעטיק, ווייל זיי האבן א טיפן גלויבן אין
בויען אונזערע ברענטש, ווייל ער איז א טייל פון דעם גרויסן
ארדן, דער ארבעטער רינג.

אונזער ברענטש איז אנגעשלאָסן און באטייליקט זיך אין דער
ארבעט אין פארשידענע געזעלשאפטלעכע און קולטורעלע אָרגאניזא-
ציעס, און די אלע אָרגאניזאציעס ווערן פון אונז געשטיצט מארא-
ליש און פינאנציעל. מיר שטיצן אלע ארבעטער רינג אינסטיטו-
ציעס.

פון דעם טאג וואס עס איז אויפגעבויט געווארן אונזער ארב.
רינג היים פאר די עלטערע ארבעטער רינג מיטגלידער, וואס ווערט
מיט רעכט באטראכט אלט איינע פון די שענסטע אינסטיטוציעס,
האט אונזער ברענטש געשטיצט און שטיצט נאך היינט פינאנציעל
אונזער היים, נאך די מעגלעכקייטן. און היינט צו טאג געפינט זיך
אין אונזער היים א מיטגלידערין פון אונזער ברענטש.

מיט דער פייערונג פארענדיקן מיר דעם קאפיטל פון 47 יאר
טעטיקייטן פון אונזער ברענטש. איצט, ווען מיר אלע זיינען פאר-
זאמלט צו דער גרויסער שמחה, לאמיר אויף זיך נעמען דעם חוב
פארצוזעצן מיט נאך מער איבערגעבנהייט די ארבעט פאר אונזער
ברענטש און אויך פאר דעם ארבעטער רינג.

מיין הארציקע באגריסונג. איך ווינטש און האף אז מיר זאלן
אלע צוזאמען פייערן נאך א סך יובילייאומס פון אונזער ברענטש
אין א פרידלעכער וועלט.

זייט אלע געגריסט!

1913 — 1960

## דערינערונגען פון מיין שטעטל נאוואסעליץ

### פון יוסף קאָרנפעלד

אפילו צום שלים מזל דארף מען
אויך האבן מזל. איך זאָג דאָס קע-
גען מיין שטעטל נאוואסעליץ, וועגן
וועלכער איך שרייב פאר אונזער
זשורנאל.

ווי געווײנטלעך שטייט מיר מיין
שטעטל נאוואסעליץ פאר מײנע אויגן.
אָט די נאוואסעליץ וואס איך האב
איבערגעלאזט מיט 48 יאָר צוריק
(1912) זייט איך בין קיין אמעריקע
געקומען און איך שטעל מיך פאר
ווי אזוי נאוואסעליץ זעט איצט
אויס נאָך דעם חורבן.

דאָס הארץ ווערט מיר צעריסן
פון ווייטיק און עס עגבערט מיר אין
קאָפּ די שרעקלעכע פראגע, איז דאָס
טאקע די ווירקלעכקייט, האט דאס
אלעס פאסירט, אין מיין ליבן נאווא-
סעליץ, אפשר איז דאָס נאר א שרעק-
לעכער חלום. איך האף ווען איך
וועל זיך אויפכאפן פון דעם שרעק-
לעכן חלום און דערזען אז די אלע
שרעקלעכקייטן, אט די אלע מיתות
משונות, דורך וועלכע מײנע פריינט
און קרובים זײנען אומגעקומען
איז בלויז א שרעקלעכער קאָשמאר?

אט זע איך מיין נאוואסעליץ,
דאָס שײנע קלײנע שטעטעלע באם
פרוט, ביים ברעג, פון די שײנע שטי-
בעלעך, מיט די ווײניקע נגידים און
די גרויסע צאל קבצנים, מיט די
בלאטעס ביז דעם גארטל. און דאָך
איז נאוואסעליץ אזוי אײנגעבאקן
אין הארצן. ווי אזוי קוקט אויס
מיין ליב שטעטעלע? איז נאך דער
פרוט דערזעלבער אדער ער איז א
סך גרעסער פון די טרערן און
בלוט פון די אומגעקומענע, פון
די אומגליקלעכע, אומשולדיקע
קרבנות, וועלכע זײנען אף א ז א
אכזריותדיקן אופן אומגעקומען
אויף קידוש השם.

און דאָ, מײנע פריינט, קומט מיר
אויף דעם געדאנק די פראגע פון
מזל. ווען איך קום צו די יידישע
פארזאמלונגען און איך הער ווי
מען זינגט מיין שטעטעלע בעלץ,
אדער דאס שטעטעלע יאס, צו גאר
זלאטאפאל און עס פרעגט זיך, נו
וואו איז נאוואסעליץ? פארוואס איז
מיין שטעטל נאוואסעליץ ניט פאר-
אייביגט געווארן, אז אויך איך
זאל קענען די ווערטער און מע-
לאדיע, און מיט ליבשאפט און
בענקשאפט דאָס זינגען? איך ווייס
אז אונזער נאוואסעליץ האט אויך
ארויסגעגעבן א באדייטנדע צאָל
פון ווארט און קינסטלער. און
דאָך, ווי ווייט מיר איז באקאנט
האט קײנער ניט פאראייביקט דאס
שײנע יידיש שטעטעלע נאוואסעליץ.

עס טוט מיר שרעקלעך ווייל
וואס מיין פען איז אזוי אָרעם
און ניט געניט אָנצעווארפן
עטלעכע שטריכן פון נאוואסע-
ליצער לעבן, ווי למשל אונזערע
זונטיקדיקע ירידים אויף דעם
מארק-פלאץ, וואו קאליקעס וואס
פלעגן זיצן בא דעם בריק און
אויסשפילן און אויסזינגען
זייערע טרויעריקע מעלאָדיעס,
און מיר דאכט זיך אז עס ליגט
מיר נאך אין טעם די סעלצער-
וואסער, וואס איך פלעג טרינ-
קען אין זאוואד און ווער גע-
דענקט ניט די סאכאר מארא-
זשנע (אייז-קרים) פון וועלכן
איך האב זייער שטארק הנאה
געהאט.

און אָט זע איך מיין שטעטל
נאָך דעם יריד – שא, שטיל ביז
דעם קומענדיקן זונטאג. אָט
דאס אליין וואס נאר א קינסטלער
קען באשרייבן און פאראייביקן
דעם נאמען פון נאוואסעליץ.

נו, ווייזאגט מען אז מען דארף
צו אלעס האבן מזל. איך וויל הא-
פען אז עס וועט נאך קומען א
צייט און א קינסטלער וועט פאר-
אייביקן מיין שטעטעלע, וואס איז
מיר אזוי ליב און טייער

## באגריסונג פון עקז. טשערמאן

### דייוו בירינבוים

טייערע פריינד:

אלס טשערמאן פון דער עקזעקוטיוו איז מיין חוב צו געבן א איבערבליק פון דער ארבעט פון דער עקזעקוטיוו. ווען די שורות ווערן געשריבן זיינען שוין כמעט א ל ע צוגרייטונגען צו אונזער גרויסן יום-טוב פארענדיקט.

איר, מיטגלידער פון ברענטש ווייסט אז די גאנצע טרייב-קראפט פון יעדער ארגאניזאציע איז די עקזעקוטיווע, און פאר די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע איז קיין ארבעט ניט צו שווער. און די עקזעקוטיוו מיטגלידער, זאגן זיך ניט אפ פון דער שווערער ארבעט, אזוי לאנג ווי עס איז פאר די אינטערעסן פון ברענטש.

מיר, אלס א טייל פון ארבעטער רינג, זיינען אנגעשלאסן אין אלע הילפס-ארגאניזאציעס, וואס דער ארבעטער רינג שטיצט. מיר שטיצן זיי פינאנציעל און אויך אלע ארבעטער אינסטיטוציעס, נאך אונזערע מעגלעכקייטן.

מיר האבן מיט גרויס דערפאלג אנגעפירט א קאמפיין צווישן אונזערע מיטגלידער, אז זיי זאלן זיך אנשליסן אלס יערלעכע מיטגלידער מיט א ביישטייערונג צו אונזער היים. א גרויסע צאל מיטגלידער זיינען אנגעשלאסן.

ווען מיר פארזאמלען זיך היינט צו אונזער גרויסער פייערונג, לאמיר זיך פארפליכטן פארצוזעצן אונזער ארבעט פאר דעם אלעם בעסטן פון אונזער ברענטש.

איך באגריס אייך, פריינד, צו אונזער גרויסן יום-טוב.

זאל אונזער פייערונג פון 47 יאר ארבעט פון ברענטש געבן מוט און כוח אונז אלעמען פארצוזעצן די ווייטערדיקע ארבעט, צו פארגרעסערן און פארשענערן אונזער אלעמענס ברענטש און איך ווינטש דאס מיר אלע צוזאמען זאלן נאך פייערן א סך יובילייאומס!

זייט אלע געגריסט!

. . . . . . . . . .

## באגריסונג פון האספיטאלער

### יאנקל בארבאך

צו דער געלעגנהייט פון אונזער יום-טוב, באדאנק איך אלע אונזערע מיטגלידער פאר דעם צוטרויען, וואס זיי האבן מיר געגעבן און מיך דערווייל אלס האספיטאלער פון ברענטש.

איך פארזיכער אייך, פריינד, אז קיין זאך איז ניט שווער צו טאן, אום צו פארלייכטערן די ליידן פון אונזערע קראנקע מיטגלידער. כאטש מיין ארבעט איז ניט קיין איינגענעמענע, ווייל קומענדיק צו די מיטגלידער און זעענדיק ווי זיי ליידן וואלט איך געוואלט אז איך זאל זיי קענען גלייך באפרייען פון זייערע ליידן. אבער עס נעמט צייט.

היינט ווען מיר פייערן אונזער 47-יאריקן יובילייאום פון בר. טארן מיר ניט פארגעסן אונזערע פליכטן צום ברענטש און אויך צו די מיטגלידער, און אויך צו העלפן אונזערע מיטגלידער מיט אלע מעגלעכע מיטלען.

איך באגריס אייך, פריינד און פריינדינעס צו אונזער גרויסן יום-טוב און איך ווינש אז מיר אלע צוזאמען זאלן פייערן נאך א סך אזעלכע יום-טובים.

זייט אלע געגריסט!

## באגריסונג פון מעקס יאסלאוויץ

## רעקאָרדינג סעקרעטאר

טייערע פריינט:

עס איז א כבוד און א פארגע-
ניגן פאר מיר אייך אלעמען צו בא-
גריסן צו אונזער 47-יאריקן יו-
בילייאום, וואס מיר פייערן פון
אונזער ברענטש 498 ארבעטער רינג.

זייענדיק א מיטגליד פון בר.
א סך יארן, אלס דער פראָטאקאָל
סעקרעטאר, האב איך זיך ניט גע-
קענט פארשטעלן וואס עס וועט זיין
מיט יארן שפעטער, ווען אין פאר-
לויף פון די אלע פריערדיקע
יארן, האט דער ברענטש דורכגע-
מאכט א סך שטורמישע מיטינגען
און דער ברענטש איז אלע מ א ל
געווען אין געפאר. יעצט, נאך די
אלע שטורמישע צייטן אז מיר פיי-
ערן היינט אונזער 47-טן יובילי-
אום, איז עס ביי מיר א טאפעל-
דיקער פארגעניגן.

זייענדיק אין א געהייבענער
שטימונג, באגריס איך אייך האר-
ציק. און אויך אלע פריינט און
פריינדינעס און די געלאדענע
געסט און איך ווינש אז מיר זא-
לען דערלעבן צו פייערן נאך א
סך אזעלכע יום-טובים מיט מער
דערגרייכונגען. און נאר מיט
פאראייניקטע כוחות וועלן מיר
זיין אומשטאנד צו דערגרייכן,
דאָס וואס מיר ווינטשן.

לאמיר פארטזעצן אונזער אר-
בעט ניט נאר פאר דעם ברענטש,
נאר אויך פאר דעם ארבעטער
רינג.

זייט הארציק געגריסט,

טייערע פריינט!

## באגריסונג פון קאסירער

## הערי נאדעלמאן

ווען מיר טרעטן צוריק צו
דער געשיכטע פון מיט 47 יאר
צוריק, איז דאָס געווען דער
אנהייב פון דער יידישער איינ-
וואנדערונג אין דעם אמעריקא-
נער באדן. מען קען זאגן אז
די 47 יאָר ברענטש געשיכטע,
איז די געשיכטע פון יידישן
ארבעטער און פאלקס-מענטש.

היינט ווען מיר פייערן אונ-
זער גרויסן יום-טוב באגרייפן
מיר ערשט די הילף וואס מ י ר
האבן געגעבן צו אונזער בר.
צו מאכן אים דאס וואס ער איז
היינט צו טאג, מיט זיינע דער-
גרייכונגען.

איך באגריס אייך הארציק,
טייערע פריינט, צו אונזער 47-
יאריקן יום-טוב, כאטש איך
בין ניט פון די גרינדער פון
אונזער ברענטש, בין איך
שטאלץ מיט דעם וואס איך האב
געקענט העלפן אין דער ארבעט
פון ברענטש און אויך וו א ס
איך געפין זיך צווישן אזוי
פיל איבערגעגעבענע פריינט.

נעמט אן מיין הארציקע בא-
גריסונג און לאמיר אלע צו-
זאמען ווינטשן אז מיר זאלן
צוזאמען נאך פייערן א סך יו-
בילייאומס.

זייט אלע געגריסט!

## וואס איך טראכט הײנט

### פון יוסף קאָרנפעלד

איך בין הײנט אין א זײער גע-
הויבענע ש ט י מ ו נ ג. ס׳פילט
זיך יום-טובדיק, פרײלעך,טאנצענ-
דיק.א נשמה׳דיקע װארעמקײט צוגײט
זיך איבער אלע גלידער. אונזער
נאװאסעליצער ברענטש איז 47 יאָר
אלט.דאָס הײסט,קארגע 5 צענדליק
יאָר פון װאונדערבארער ארבעט אויף
פארשידענע געביטן,געזעלשאפטלעכע
און קולטורעלע האט אונזער ארגא-
ניזאציע פארצײכנט.איך בין שטאלץ
מיט מײן חלק װאס איך האב בײגע-
טראגן צו מאכן אונזער בר. גרויס
און שײן און אײנפלוסרײך. ד אָ ס
הארץ איז פול מיט דערינערונגען
פון לאנג פארגאנגענע טעג, און
קינדהײט יאָרן פון אונזער באליב-
טען ברענטש. מחשבות פרײלעכע און
מוטיקע שװימען אויף אין מײן זכרון.

דאָך איז מיר שװער צו קאָנצענט-
רירן צוזאמען, צו צונויפקלײבן
מײנע געדאנקען לויט א סדר און
באשרײבן אלץ װאס איך האב מיטגע-
מאכט אין די אלע יאָרן ארבעטנדיק
פאר אונזער אָרגאניזאציע! און עס
איז גאר קײן װאונדער ניט,װאס
אונזער ברענטש איז אזוי ג ו ט
אויסגעװאקסן און האט זיך אנטװי-
קעלט. אן אָרגאניזאציע איז גע-
גליכן צו א מענטשלעכן קערפער.
האט דער מענטשלעכער אָרגאניזם
געזונטע רײנע בלוט, װעט ער זײן
בכוח בײצוקומען אלע שלעכטע מי-
קראָבן און איבערקומען אלע קראנק-
הײטן. איז זײן בלוט ניט רײן,
איז זײן לעבן שטענדיק אין גע-
פאר.

צו אונזער גליק מוז דאָ גע-
זאגט װערן, אז אונזער פונדאמענט
איז פון אנהויב אָן א געזונטער.
אונזער עלעמענט איז אלע מאל בא-
שטאנען פון מענטשן מיט א גוטן
פארשטאנד. און אָט דערפאר זײנען
מיר געװען אומשטאנד בײצוקומען
אלע שלעכטע מיקראָבן און בא-
צילן און געשטאלטן פון אלער-
לײ דעמאגאגן און װילדע פאנא-
טיקער.

און אויב איך האלט שוין
אין שרײבן, װיל איך אויסדריקן
מײן הארציקן דאנק צו אלע מײנע
קאָלעגן און אויסדריקן מײן גע-
פיל פאר זײער מיטהילף צו אונ-
זער ברענטש 498.

לאמיר זיך דערמאנען דורך
אונזער היסטארישער אָנצײגונג,
אז די גרינדונג פון אונזער
ברענטש, איז ניט פראקלאמירט
געװארן מיט טרומפײטן,ניט א-
נאנסירט געװארן מיט גרויסע
פלאקאטן, און עס איז ניט גע-
װען קײן װעלט פאסירונג,װאס
זאל מאכן א רושם אויף דער
ײדישער גאס,און דאָך זײענדיק
פאראײניקט אין דעם גרויסן
ארבעטער רינג,האבן מיר זוכה
געװען צו דערלעבן אונזער
47-סטן יובילײאום.

און כאטש מיר פײערן אונזער
יום-טוב אין אן אומרואיקער
צײט, װען אונזער לאנד ישראל
איז ארומגערינגלט מיט פאשיס-
טישע עלעמענטן און לאזן איר
ניט לעבן, איז אין דער צײט
פון אונזער יום-טוב במילא
כדאי צו געדענקען אז מיר זײ-
נען פאראײניקט. און מיר האפן
אלע שװעריקײטן בײצוקומען,אזוי
װי מיר זײנען זײ בײגעקומען
ביז יעצט. עס װעט זײן - אם
ישראל חי! טא לאמיר אלע זיך
אויסזעצן בײ די טישן און פאר-
ברענגען א פרײלעכן יום-טוב.

האלט הײליק נאװאסעליץ!
האלט הײליק מדינת ישראל!

זײט געגריסט,
ברענטש 498 א.ח.

1960 1913

# באגריסונג

פון יוסף ווילנער

טייערע פריינד:

איך וואלט זייער וועלן שרייבן אביסל זכרונות פון אונדזער ברענטש 498, אבער עס איז מיר שווער בא מיינע איצטיקע אומשטענדן זיך ארייננצולעבן אין יענע מאמענטן ווען מיר זיינען נאך יונג געווען. מיר זיינען ארייינגעקומען אין ברענטש מיט קעפ פול מיט שווארצע האר און איצט זיינען זיי אלע באזילבערט — 47 יאר ברענטש 498. דאס מיינט, מיט אזויפיל יארן עלטער געווארן.

איך דערמאן זיך אין דעם אנפאנג פון אונדזערע ברענטש מעטיקייטן, די פילע שלאפלאזע נעכט פון אלערליי מיטינגען, צו ארגאניזירן בעלער, פייערן יובילייאומס, אנפירן א מעמבערשיפ דרייוו און וואס נים. און איך וואונדער זיך יעצט פון וואנען האט זיך גענומען צו אונז אזויפיל ענערגיע און אזויפיל אויסדויער. אבער ווי מיר זעען יעצט, איז דער רעזולטאט א דערפרייענדער. פון א קליינע גרופע איז אונזער ברענטש ביז היינט צו טאג אויסגעוואקסן א גרויסע פאראייניקטע משפחה.

און מיין הארץ קוועלט אן פון נחת. און בא דער געלעגנהייט באגריס איך אלע אונזערע מעמבערס און די טוער וואס זיינען יעצט אקטיוו. און עס טוט מיר ווירקלעך לייד וואס איך קען זיך בא מיינע איצטיקע אומשטענדן זיך נים באטייליקן אין די אקטיוויטעטן פון ברענטש, וואס טוט מענטשלעכע, געזעלשאפטלעכע און קולטורעלע ארבעט.

גייט אן מיט דער ארבעט און לאמיר ווינטשן א גיבן שלום אויף דער וועלט. זייט אלע געגריסט צו אונזער היינטיקן יום טוב.

איך ווינטש אלע מיטגלידער פון ברענטש 498 און פריינד, צוזאמען מיט זייערע ליבע פאמיליעס צו פייערן דעם 50-יאריקן יובילייאום פון ברענטש 498.

# אַ וואונטש

צו מײן 68־יאָריקן געבורטסטאַג

פון יוסף קארנפעלד

געװען זײנען מײנע יארן,
ניט אלעמאל גלאנציק.
די אלטע הײם פארלאזט
האב איך צו צװאנציק.

פון דאמאלט ביז איצט,
כמעט פארבײ פופציק
איז דער סך־הכל אװאדע
פולע אכט און זעכציק.

איך דער בעל דבר,
א איד א בעל מלאכה,
צופרידן בין איך כסדר
מיט מײן מערכה.

מײן װאונטש תמיד איז,
פאר פרײנד און משפחה
דאָס בעסטע אין לעבן
מיט מזל און ברכה.

אויך מײן װאונטש איז פאר מענטשן
זײן מער פארזיכטיק
און אלעמאל האנדלען
ערלעך און ריכטיק.

שלום אויף דער װעלט,
דאָס װאס איז װיכטיק,
פאר יעדן זאל דאָס לעבן
זײן פרײ און ליכטיק.

לאמיר לכבוד
אונזער יום טוב זיך פרײען
די צײט שטײט ניט,
װײל די יארן זײ גײען

איז בעסער פארגעסן
אָן אלע צרות
נעמט אלע זארגן
און שלאָגט מיט זײ כפרות.

# באגריסונגען

פון אונזערע מיטגלידער . . .

MR. & MRS. JACK BARBACH

MR. & MRS. LOUIS BECKERMAN

MR. & MRS. DAVID BIRENBAUM

MRS. CLARA BROWNSTEIN

MR. & MRS. ISIDOR COHEN

MR. & MRS. SAM COOPERMAN

MR. & MRS. LOUIS DICKER

MR. & MRS. MAX FISHMAN

MR. & MRS. DAVID GROSSER

MR. & MRS. HARRY GULLER

MR. & MRS. JULIUS KESSNER

MR. & MRS. JOSEPH KORENFELD

MR. & MRS. MAX LAZEN

MR. & MRS. MORRIS LECHTMAN

* * *

MINNIE GLICKSTEIN

* * *

MR. & MRS. SAM MARCUS

MR. & MRS. HARRY NEEDELMAN

MR. & MRS. DAVID POLISHOOK

MR. & MRS. JONAS RABINOWITZ

MR. & MRS. PHILIP SCHWARTZBERG

MR. & MRS. SAL SLOMOWITZ

MRS. MINNIE SHAPIRO

MR. & MRS. DAVE SIMON

MR. & MRS. SAM SONSHINE

MR. & MRS. LOUIS SPILMAN

MRS. FANNIE STANDARD

MR. & MRS. WILLIAM TURANSKY

MR. & MRS. JOSEPH WILLNER

MRS. MAMIE WILLNER

MR. & MRS. YASLOWITZ

MR. & MRS. MAX SHERMAN

MRS. GOLDIE WEINBERG

צום אנדענק פון אונדזערע פארשטארבענע מעמבערס

מיט געבויגענע קעפ שטײען מיר איבער די קברים פון אונזערע
פריצײטיק פארשטארבענע פרײנט, מעמבערס פון אונזער ברענטש.

| | | | |
|---|---|---|---|
| Frank, Annie | 1918 | Kashlansky, Jacob | 1951 |
| Clurman, Sarah | 1919 | Waxman, Jacob | 1951 |
| Lamm, Aaron | 1927 | Marcus, Morris | 1951 |
| Milman, Lillian | 1928 | Weisberg, Joe | 1951 |
| Sirkus, Harry | 1931 | Orenstein, Joe | 1952 |
| Silverman, Morris | 1932 | Needelman, Max | 1952 |
| Wiener, Jacob | 1932 | Turansky, Anna | 1953 |
| Schiffman, Rose | 1933 | Willner, Abraham | 1953 |
| Marcus, Fannie | 1933 | Cohen, Benjamin | 1953 |
| Weinberg, Ben | 1934 | Fishman, Jacob | 1954 |
| Feferoltz, Harry | 1935 | Katzman, Ruth | 1954 |
| Ehrlich, Harry | 1935 | Schechter, Celia | 1954 |
| Kamenetsky, Joe | 1936 | Willner, Nathan | 1955 |
| Barbach, Clara | 1936 | Weinberg, Jacob | 1955 |
| Dranch, Jacob | 1937 | Cohen, Sol | 1955 |
| Katzman, Jennie | 1939 | Horn, Fannie | 1955 |
| Nudelman, Violet | 1941 | Sohen, Samuel | 1955 |
| Katzman, Lillian | 1943 | Schneider, Yetta | 1956 |
| Willner, Annie | 1943 | Maxwell, Max | 1956 |
| Weinberg, Clara | 1944 | Schneider, Estelle | 1957 |
| Cohen, Morris | 1945 | Lutsky, Rose | 1957 |
| Golden, Pearl | 1945 | Fishbach, Ida | 1958 |
| Miller, Rebecca | 1945 | Buller, Adolph | 1958 |
| Turansky, Bernard | 1946 | Kaplan, Solomon | 1958 |
| Zimmerman, Pauline | 1946 | Weiner, Eva | 1958 |
| Turansky, Minnie | 1946 | Nudelman, Meyer | 1958 |
| Kornfeld, Sarah | 1947 | Goodman, Anna | 1959 |
| Maizel, Mayer | 1947 | Kleinman, Ray | 1959 |
| Katzman, Abe | 1947 | Siack, Minnie | 1959 |
| Alexander, Sam | 1947 | Katzman, Fannie | 1959 |
| Adelsberg, Johannah | 1948 | Sokol, Harry | 1960 |
| Kleinman, Philip | 1948 | Dinkwood, Alexander | 1960 |
| Appelbaum, Philip | 1948 | Roseman, Ida | 1960 |
| Stoller, Harry | 1949 | Stoler, Rose | 1960 |
| Kornfeld, Frances | 1950 | Silverman, Sam | 1960 |
| Schechter, Jacob | 1950 | | |

In memory of my husband

JOSEPH SOKAL

# י אָ ר צ י י ט

## נאָך די נאָװאָסעליצער קדושים

20 יאָר אין אונזער לעבן,
איז א גאנצער פארנעם!
טרויערן מיר אויף די פארלארענע יארן,
פון די געפאלענע אויף קידוש השם.

20 יאר שוין אװעק!
מיט די יאָרן איז א דור פארשװאונדן,
צו אונזער װײטיק נעמט ניט קײן עק,
װען מיר נאך די קדושים ליכט צינדן.

אזוי װי אן אָפּגעבראכענע צװײג פון א בוים,
װאָס װערט פון װינט געשמיסן,
אזוי זײנען מענטשלעכע לעבנס אין טרוים,
מיט געװאלד געװארן פון אונז אָפּגעריסן!

יעדער טאָג גײט פארבײ
יעדע נאכט לויפט דורך
מיט זכרונות פון זײ,
און פאר זײערע פּײניקער א קללה,א פלוך.

עס האָט דאס מזל אונז באגליקט,
אונז געטראָפן אין א לאנד אויף דער פרײ.
אָבער אין הארצן װארעמט און שטיקט,
און נאָגט אין בײנקשאפט נאָך זײ.

מיר שטײען טיף גערירט
און הארץ גליט מיט רחמנות
װען מיר צינדן די יאָרצײט ליכט
לכבוד זײערע הײליקע נשמות.

